י. י. שוואַרץ

# איך גלויב...

לאָז זיך אויס פון מיינע טרוימען,
לאָז איינגאַנצן אויס פון מיר;
וואָס איך גלויב נאָך אין דעם מענטשן,
וואָס איך גלויב נאָך אויך אין דיר.

אַז מיין נשמה לעכצט נאָך פרייהייט,
ניט צום גאָלדן־קאַלב פאַרשקלאַפט;
יאָ, כ׳האָב גלויבן אין דעם מענטשן,
אין זיין גייסט וואָס טראָגט און שאַפט.

ס׳וואַרפט דער גייסט אַראָפּ די קייטן,
הייבט דעם מענטש צום הימל אויף —
ס׳שטאַרבט פון הונגער ניט דער בויער,
פריי זיין גייסט און זאַט דער גוף.

לאָז, וואָס כ׳גלויב נאָך אויך אין פריינדשאַפט,
גלויב, עס מוז אַ האַרץ נאָך זיין,
וואָס טוט קלאַפּן מיט מיין האָפנונג,
שפּירט מיין גליק און פילט מיין פּיין.

יאָ, איך גלויב אויך אין דער צוקונפט,
כאָטש ס׳איז יענער טאָג נאָך ווייט —
טאָג פון שלום צווישן פעלקער
אין אַ נייער פרייער צייט.

אויפבליען וועט אויך מיין פאָלק דאַן,
אויפשטיין וועט אַ נייער דור —
וועט צעברעכן זיינע קייטן,
ליכט דערזען, צעשטראַלט און קלאָר.

עס וועט לעבן, ליבן, שאַפן
אין זיין ערד פאַרוואָרצלט, ריין;
ניט אין צוקונפט, ניט אין הימלען,
ניט געגוג אים גייסט אַליין.

ס׳וועט אַ ניי געזאַנג דער דיכטער
דעמאָלט זינגען קלאָר און גאַנץ —
פון מיין קבר זאָל מען רייסן
דאַן פאַר אים אַ בלומענקראַנץ.

1892

שאול טשערניכאָווסקי

# לידער און אידיליעס

אידיש: י. י. שוואַרץ

מיט אַן עסיי פון יעקב פיכמאַן

אַרויסגעגעבן פון דער אידישער קהילה און שאול טשערניכאָווסקי־קאָמיטעט
פון קאַראַקאַס, ווענעזועלא
ניו־יאָרק, 1957

מיין דאַנק צום חבר
יוסף לערנער
פאַר זיין מיטהילף
אין אַרויסגעבן דאָס
בוך אין אָנדענק פון
זיין ברודער
חיים יצחק לערנער.

*Printed in the U. S. A. by*
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.
253